

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
**סאטמאר קינדערגארטן**
וויליאמסבורג



**שנה י"ז - גליון 784**
זמנים: זמן הדה"נ ערש"ק 8:05, מוצ"ש - 9:33, הדה"נ ערב שבועות 8:06
עלות השחר: 4:14, הדה"נ ליל ב': - 9:34, זמן מוצאי יום טוב: 9:35,

**חג השבועות - זמן מתן תורתינו**
ערב שב"ק פרשת במדבר שנת תשפ"ה לפ"ק

**די "קינדערגארטן ווינקל" וואונטשט פאר אלע קינדער און עלטערן א גוט שבת, א גוט יום טוב און א פרייליכן יום טוב**

## מודעה טויש אין סדר

**דעם זונטאג ערב שבועות וועט נישט זיין חדר.**

**מיטוואך אסרו חג הויבט מען אן חדר 2 שעה שפעטער פון א יעדן טאג דאס מיינט 11:25 ערשטע סטאפ, פרישטאג אינדערהיים**

## זיך געגרייט צום הייליגן יום טוב שבועות

**אין די כיתות** האט מען די וואך געלערנט און פארציילט מיט א געוואלדיגע שמחה וועגן דעם הייליגן יו"ט שבועות, און קבלת התורה. יעדע יארגאנג ספעציעל מיט זייערע לימודים, ווי די קינדער לעבן מיט דעם גאנצן ענין פון דעם בארג סיני ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דאס געבן די הייליגע תורה פאר די אידישע קינדער. ווי גליקליך מיר אידישע קינדער זענען אז מיר זענען דאס אויסגעוועלטער פאלק וואס דער אויבעשטער האט אויסגעוועהלט צו געבן די די הייליגע תורה... פארשטייט זיך אז יעדעס קינד כאפט אויף לויט זיין עלטער די ידיעות מער און מער. אזוי אויך מיט די ניגונים פון יו"ט שבועות מיט זיין אייגענעם חן, ספעציעל ביי די עלטערע כיתות די ווארימע ניגונים מיט די אידישע ווערטער אויפן טאן פון אהבה רבה, און יהא רעווא.. ווען אידישע קינדער זיצען און לערנען... דאס זינגען די קינדער הערליך שיין. הערט ביי שער הנגינה.

## פארציילט און געלערנט פון דוד המלך

**אזוי ווי שבועות געפאלט אויס די יארצייט פון דוד המלך** האט מען שיין ארום גערעדט צו די קינדער פארשידענע מעשיות פון דעם אידישע קעניג **דוד המלך און פון זיין ספר תהילים.** אז מען זאגט די ספר תהלים וואס דוד המלך האט געמאכט און מען בעט פון די הייליגע באשעפער אלעס גוטס, און וועגן די פידל מיט דעם הינדל וואס זענען געווען העכער די בעט פון דוד המלך, און אז דוד המלך האט זיך אויף געוועקט א יעדע נאכט פונעם פידל ווען די ווינט האט געבלאזן... און דעלמאטס האט ער געזינגען און געדאנקט צום הייליגן באשעפער, מיט זיין הייליגן תהילים.

**מ'האט פארציילט** איבער **די מלחמה פון דוד מיט גלית**, ווי דאס איז זייער שיין אראפ געלייגט געווארן לויט די פארשטאנד פון די קינדער, ווי אזוי דער אינגל דוד קומט זאגן פארן קעניג אז ער וועט גיין צו די מלחמה האלטן מיט דעם גרויסן ריז ווייל דער באשעפער וועט איהם העלפן, און אויך האט ער שוין צוריסן א לייב מיט א בער, אזוי האבן מיר געהערט ווי וואונדערליך דער הייליגער באשעפער העלפט דעם קליינע צדיק אינגל דוד'ל און אזוי ווי ער טוט אן די סאלדאטן קליידער ווערן זיין סייז. און אזוי אויך ביי די מלחמה ווען דוד'ל האט גענומען די ראבער מיט די שטיינדעלעך און וועט דאס ארויף שיסן צום ריז גלית, קודם האט גלית זיך אויסגעלאכט און ווערט ברוגז, ער שרייט צו דוד די מיינסט אז איך בין א קעצי וואס מ'שיסט שטיינדעלעך.. אבער ווען דער הייליגער צדיק דוד האט געגעבן א שיס ארויף די שטיינדעלעך איז דאס זייער גוט געלונגען צום ריז גלית אין די אויגן און דער ריזיגער גוי גלית פאלט אראפ און דוד נעמט זיין שווערד און הרג'עט איהם און אלע אידן פרייען זיך.

**און גאר אינטערסאנט די מעשה מיטן וויזלטיר בארג.** ווי איינמאל איז דוד המלך געגאנגען צו א בארג און דארט געמאכט א קרבן און ארויף געלייגט א פייער, און די בארג האט זיך אויפגעהויבן ווייל די בארג איז עכט געווען א חי' א וויזלטיר, דער וויזלטיר האט אויפגעהויבן דוד המלך זייער הויך ביז צום הימל, דוד המלך האט געבעטען דעם הייליגן באשעפער אז ער זאל אים העלפן, דעמאלטס איז געשעהן א נס דער באשעפער געשיקט צו די וויזלטיר **א לייב** און דער וויזלטיר האט זיך אראפגעבויגן ווייל דער

### ווינקל אינהאלט

- **ערב שבועות - אסרו חג מעלדונג.**
- די קינדער שוין גרייט צום הייליגן יו"ט.
- **פארציילט פון דוד המלך.**
- מעמד מתן תורה ביי די מיטוואך פלעי.
- **א זומער צום געדענקען. רעגיסטראציע**
- מ'גרייט זיך אויף שבועות - ניגונים לכ' יו"ט.
- **פארציילט אין לאנטש רום.**
- גראם פון די וואך.
- **א' ב' שפיל לכבוד שבועות.**
- פארציילט פון הייליגן בעש"ט זי"ע
- **ווענדונג בנוגע קינדער מלבושים**
- זומער רעגיסטראציע אין מעין אפיס.
- **נאך וויכטיגע לימודים ביי אינגערע קינדער.**
- פרעגן א קינד ריכטיג, איז וויכטיג.
- **אפוועגן די האר**
- מזל טוב וואונטשן.
- **חכמה'לעך.**
- ברוכים הבאים נייע קינדער.

**ספעציעל לכבוד יום טוב**

**די ניגונים פון יום טוב שבועות קענט איר הערן אויפן טעלעפאן ליין ביי די קינדערגארטן נייעס ליין**

**718-407-7460/1/5/6**

לייב איז דער קעניג פון אלע חיות, דוד המלך איז שנעל אראפ געלאפן פונעם גרויסן ווילדן טיר,

נאכדעם האט זיך דוד המלך דערשראקן פונעם לייב האט דוד המלך געבעטן דעם הייליגן באשעפער אז דער לייב זאל אוועק גיין, האט דער באשעפער געשיקט **א הערש און דער לייב איז נאכגעלאפן דעם הערש און דוד המלך איז געראטעוועט געווארן**,

**אזוי ווייטער הערן מיר** ווי אזוי דוד המלך איז נפטר געווארן, אז ווען ער האט געפרעגט דעם אויבערשטן ווען ער גייט נפטר ווערן האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז קיינער טאר נישט וויסן ווען מען ווערט נפטר, נאר ער מעג וויסן וועלכע טאג, דאס וועט זיין, שבת קודש. איז דוד המלך געזיצן יעדן שבת און געלערנט די גאנצע צייט, אזוי קען דער יצר הרע נישט קומען, ביז איינמאל איז דעם יצר הרע געלינגען צו מאכן א גרודער אינדרויסן און ווען דוד המלך איז געגאנגען קוקען וואס איז דער גרידער האט דער יצר הרע אוועק גענומען איין סטעפ און ער איז אראפ געפאלן און נפטר געווארן, און דאס איז געווען שבועות. דערפאר ווערלן מיר טאקע אלע זאגן **אביסל תהילים** צוזאמען מיט מיין טאטע דעם ספר וואס ער האט געמאכט און אלע אידן זאגן אין דעם תהילים ווען מ'וויל עפעס בעטן צום הייליגן באשעפער. ווי א יעדער איד דאווענט דערין ביי א יעדע געלעגענהייט.

## מעמד קבלת התורה

**דעם מיטוואך ביי די פלעי איז די שמחה געווען געוואלדיג! אויסערגעוועגדליך! גרויס** יא מיר גייען מיטהאלטן די מעמד קבלת התורה, מיט א לעבעדיגקייט. די רייע איז געקומען אויף די כיתה פון **הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א** ווען ביי די פלעי האט מען אהער געשטעלט דעם מעמד פון **מתן תורה** אזוי הערליך און שיין. ממש אזוי עכט אלעס.

**קודם זעהן מיר** ווי א מלאך (**יעקב יוסף שווארטץ**) פליהט ארום, אין די גאנצע לאנטש רום ממש נעבן א יעדן איינעם. ער קומט שוין אן צו א באנדע גוים די פוילישע (**קלמן רפאל טויב, משה כוואן**) און פרעגט זיי: ווילט עטס נעמען די הייליגע תורה? פרעגן זיי, וואס שטייט דארט אין די הייליגע תורה? זאגט זיי דער מלאך: אין די תורה שטייט געשריבן!! אז מ'טאר נישט שלאגן און הרג'ענען. הערן מיר ווי זיי שרייען ניין ניין, מיר דארפן נישט אזא תורה, ווייל מיר ווילן זיין שלעכט.. אונז האב מיר ליב זיך צו שלאגן...

**נאכדעם זעהן מיר** די מלאך פליהט צו אנדערע גוים ספאנישע (**מאיר צבי גוטמאן, שרגא טייטלבוים**) און פרעגט זיי די זעלבע: ווילט עטס נעמען די הייליגע תורה? ענטפערן זיי אויך, וואס שטייט דארט אין די הייליגע תורה? זאגט זיי דער מלאך: אין די תורה שטייט געשריבן!! אז מ'טאר נישט גנב'נען. שרייען זיי ניין ניין! מיר דארפן נישט אזא תורה וואס שטייט אז מ'טאר נישט גנב'נען, אדער טשעפענען. אזוי ווייטער זעהן מיר די מלאך פליהט צו די אראבער גוים (**נפתלי פריעדמאן, יצחק טובי' הירש**) און אזוי ווייטער צו די רוסישע (**ישראל חיים שאפפער, יואל כ"ץ**) קומט דער מלאך און פרעגט זיי די זעלבע און זיי ענטפערן ניין ניין..

**נאכדעם זעהן מיר** ווי משה רבינו (**שלום ווארפמאן**) קומט צו די אידן (**ישעי' ווערטהיימער, שמעון טייטלבוים, שמואל אליעזר אפפעל, נחמי' הירש, בנימין ווידער, שרגא טייטלבוים, אלטר יחזקאל שרגא נויאוויטש, מיכאל אלי' ע'גמי, אלי' פארקאש, יוסף משה אברהם קליין, אברהם יוסף קרויס, מענדי שווארטץ, שלמה שווארטץ, חיים שטיין**) און פרעגט זיי "ווילט עטס נעמען די הייליגע תורה??" שרייען אויס אלע קינדער די גאנצע לאנטש רום אויפאמאל **"נעשה ונשמע"** מיר ווערלן טוהן און הערן אלעס וואס שטייט אין די הייליגע תורה.. מיר זעהן ווי צוויי קרוינען קומען צופליען, צו די אידישע קינדער, איינס פאר נעשה און איינס פאר נשמע.. די צוויי קינדער וואס האבן זייער הויעך געזאגט, זיי האבן באקומען די קרוינען.

**דערנאך קומט משה רבינו מיט די הייליגע תורה,** ביי די בארג סיני, מיר זעהן דארט א געיט וואס רעדט און זאגט אז קיינער טאר נישט גיין ווייטער.. נאר אהרן הכהן (**בנציון סאקס**) מעג ארויף גיין אביסל. מיר זעהן דעם בארג סיני מיט די שיינע בלומען. און הערן ווי די אידן שרייען נעשה ונשמע.. עס האט געבלאזן א שופר.. אלע קינדער הייבן אן זינגען לעבעדיג **"ובאו כלם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד"** און זיך געפריידט מיט די תורה. מען נעמט די תורה'לע און מ'מאכט דאס אויף, האבן מיר געזעהן אלע א"ב וואס מיר לערנען זייער גוט. אלע קינדער צוזאמען האבן שיין געזינגען די א"ב מיט א פרייליכקייט, **יא מיר זענען די גליקליכע אידן** וואס האבן מקבל געווען די הייליגע תורה ביים בארג סיני און מיר ווילן ווייטער לערנען און טוהן אלע מצות..

**עס האט געדינערט און געבליצט** מיר זעהן ווי די גוים לויפן צו בלעם (**יצחק יחיאל שלעזינגער**) זיי פרעגן וואס איז דא געשהן וואס זענען די קולות ? ס'גייט זיין א מבול??? די וועלט דריידט זיך איבער??? ענטפערט זיי בלעם געדענקט עטס ווען די

## א זומער צום געדענקען

**עס איז שוין** געציילטע וואכן בעפארן זומער און מיר האבן שוין אהיים געשיקט אנפאנג וואך די **"זומער אינפארמאציע פראגע בויגן"** צו קענען מסדר זיין די זומער כיתות מיט א געשמאק און הנאה, פאר די קינדער מיט זייערע חבירים.

**אלע עלטערן דארפן צוריק שיקן דעם אינפארמאציע פראגע בויגן.**

מיר בעטן זייער חשוב'ע עלטערן: ביטע אויב האט איר נאכנישט צוריקגעשיקט נעמט דאס נישט פאר גרינג, **נאר טוט דאס תיכף אויספילן און צוריק שיקן וואס פריער** כדי צו קענען בסייעתא דשמיא מסדר זיין די כיתות אויפן זומער הבעל"ט און קענען צוזאם שטעלן די קינדער מיט זייערע חבירים.

אזוי ווי די צייט איז קורץ מען פארט גאנץ נאנט נאך שבועות און די ארבייט איז אסאך איז זייער וויכטיג אז <u>אלע קינדער זאלן דאס צוריק ברענגען</u> מיט א ענטפער, ווי וועט מען זיין אי"ה דעם זומער הבעל"ט, (אפילו די וואס וועלן זיין אין א קאנטרי דארפן דאס צוריק שיקן) כדי צו פארמיידן דערמיט טעותים. ע"כ בעטן מיר שטארק נעמט דאס נישט פאר גרינג. מיר ערווארטן אייער קאאפעראציע.

**ריכטיג און וויכטיג:** די פראגע בויגן האבן אויף זיך אלע אינפארמעישן פון יעדן קינד לויט ווי מיר האבן דאס, ביטע גייט איבער אלע אינפארמעישן ווי למשל **טעל. נומ. אדרעס.** אויב איז עפעס נישט ריכטיג טוט דאס פאררעכטן כדי מיר זאלן דאס האבן ריכטיג. און אזוי שיקט דאס צוריק.

דער זומער פראגראם **"מזל טוב א שמחה - ביי אידן"**, וועט אי"ה זיין העכסט אינטערסאנט, יעדן איינציגן טאג מיט הנאה און געשמאק.

**נ.ב. וועגן רעגיסטרירן די קינדער צום זומער חדר אין מען אפיס זעהט ספעציעלע מודעה.**

## גראם פון די וואך

- די בעסטע סחורה, די הייליגע תורה.
- די תורה האט די באשעפער אונז געגעבן, און דאס איז אונזער לעבן.
- גלית דער ריז, הרג'עט מען מיט זיין שפיז.

מלאך איז געקומען און געפרעגט אויב עטס ווילט'ס די תורה? יעצט געט דער באשעפער די הייליגע תורה פאר די אידן...

**אויך זעהן מיר די חיות** דעם טייגער מיט א קאטשקע און אייזל זיי זענען אלע שא שטיל ווייל דעמאלטס האט קיינער נישט געברימט אדער געשריגן....

**מיר זעהן ביים בארג** די פייער.. די וואלקאן.. משה רבינו איז אויבן אויפן בארג און אהרן הכהן אביסל אויפן בארג מיר הערן וואס איז געשעהן ווען די באשעפער האט גערעדט די אידן זענען אוועק געפלויגן און די מלאכים האבן זיי צוריק געברענגט... מיר הערן ווי די בערג קריגן זיך...

**עס איז געווארן זייער פריילך** די גאנצע לאנטש רום אלע קינדער הייבן אן טאנצן און זינגען, די מנהל רופט אויס יעצט וועלן מיר זעהן ווי איין חדר טאנצט אינטער די חופה און אלע קינדער קענען טאנצן אויפן פלאץ, עליונים ששו... ובאו כולם... והאר עינינו... אזוי איז דאס געווארן זייער לעבעדיג.

**אזוי האט זיך שיין פארענדיגט דער מיטוואך שפיל..**

## מען גרייט זיך צום הייליגן יו"ט



**מיר האבן אריינגע'ארבייט פלייסיג!** מען זינגט מען טאנצט "נעשה ונשמע" מיר האבן שוין קוים געקענט ווארטן ווען גייט מען שוין אהיים ברענגען די שיינע זאכן, אויף דעם לעכטיגן יו"ט שבועות!

**נויערסערי,** מען האט געמאכט מיט אונז א שיינע בארג סיני. א יעדן טאג באצירן מיר נאך עפעס, אויך מיט די שיינע קאלירן פון פינק און געל ממש מיר האבן נישט געהאט קיין מינוט צייט אין טאג. עס האט זיך געלוינט אזא שיינע זאך לכבוד יו"ט.



**און ביי די קינדערגארטן כיתות** האט מען געמאכט זייער א שיינע ארון הקודש מיט א קליינע תורה'לע וואס שטייט דארט די א'ב' וואס מיר לערנען, מיר האבן באצירט דעם פרוכת אזוי הערליך שיין, לכבוד יו"ט.



**א יעדע יארגאנג מיט זייערע שיינע זאכן לכבוד יו"ט** זענען די הענטעלעך געווען שטארק פארנומען דערמיט, מיט א ספעציעלע שמחה א יעדן טאג, מיר לערנען און זינגען אזעלכע שיינע זאכן לכבוד דעם הייליגן יום טוב שבועות און יעצט וועלן מיר דאס שיין איבערגעבן אינדערהיים לכבוד יום טוב.

אזוי אויך די **פרי קינדערגארטן** זענען מיר געווען זייער פארנומען מיר האבן געמאכט א שיינע תורה'לע מיט בלומע'לעך א יעדן טאג מאכן מיר נאך אביסל, מיין רבי ווייזט אונז פונקטליך, און אזוי מאכן מיר דאס נאך מיט אונזערע הענט'לעך, אט אט עס איז שוין פארטיג מיר וועלן שוין קענען טאנצן מיט די תורה'לע זייער לעבעדיג. אויך די שיינע קרוינען באצירן מיר זייער שיין.

## א"ב שפיל

**קינדערגארטן: א ספעציעלער שפיל** מיט אינטערסאנטקייט האבן די קינדערגארטן קינדער אהיים געטראגן לכבוד יום טוב שבועות וואס וועט געבן א גוטע געלעגנהייט פאר די קינדער איבער צו חזר'ן אלע א"ב. עס איז טאקע זייער וויכטיג אז די קינדער זאלן **ארויס זאגן די אותיות** בשעת זיי שפילן מיטן שפיל. עס פארשטייט זיך אז ווען די עלטערן אדער א גרעסערע קינד וועט עטליכע מאל מיט שפילן מיטן קינד און איהם ארויס ווייזן מיט אינטערעסע אויף די אותיות. וועט דאס בעזהשי"ת ברענגען א שטארקן חשק צו די א"ב.

## נוצר תאנה יאכל פריה

**אין די יעצטיגע טעג ווערן אריין געלייגט אסאך כוחות מיט די א"ב.** די וואך נאך שבועות וועט מען אי"ה אנהייבן צו איבער חזר'ן אלע א"ב מיט אסאך פלייסיגקייט און אינטערסאנטקייט. און נאך די חזרה וועט אי"ה געפראוועט ווערן דער גרויסער סיום אויף די א'ב' צום פארענדיגן די הייליגע אותיות, **דער סיום וועט בעז"ה געבן חיזוק פאר די קינדער צו שטייגן ווייטער לערנען און איבער'חזר'ן די אותיות התורה.**

## ניגונים לכבוד יו"ט

**א ספעציעלע פלאץ** פארנעמט ביי אונז אין די קינדערגארטן שטענדיג די ניגונים וואס מען זינגט מיט די קינדער א יעדע וואך. און ספעציעל פאר א יו"ט זינגט מען מיט די קינדער שיינע און ווארימע יו"ט ניגונים כדי אז במשך א יו"ט צו ביי די סעודות אדער אפילו סתם אינמיטן טאג זאל ער קענען זיך מיטפילן מיטן הייליגן יו"ט.

**לכבוד שבועות** האט מען געזינגען סיי אין לאנטש רום סיי אין די כיתות די אור אלטע זיסע ניגונים **עליונים ששו, ובאו כולם. והאר עינינו..** אזוי ווייטער מיט די אידישע הארציגע **אהבה רבה** ניגון אין אידישע ווערטער, **ווען אידישע קינדער זיצן אין לערנען**, דאס אלעס ווערט געזינגען מיט די קינדער אויף א געשמאקן פארנעם. אויך דעם יאר האט מען שטארק געזינגען מיט די קינדער א נייעם ניגון פאר די קינדער "יהא רעווא מן קדמך".

## א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה

# די מעמד מתן תורה אויפגעשפילט דורך די קינדער (1)







דער מלאך פליהט ארום צו אלע ...

און פרעגט זיי: ווילט עטץ נעמען די תורה ???

פרעגן זיי וואס שטייט אין די תורה ??







אלע פרעגן וואס שטייט דארט אין די תורה ??

זיי ענטפערן נא נא נא נא מיר דארפן נישט די תורה







מיר ווילן יא זאגן ליגענט יא זיך שלאגן......

ווען משה רבינו פרעגט פון די אידן ענטפערן זיי הויעך "נעשה ונשמע"

# די מעמד מתן תורה אויפגעשפילט דורך די קינדער (2)




צוויי קרוינען קומען צו פליען





אויפן בארג דער פייער די וואלקאן....



דער געיט רעדט קיינער טאר נישט גיין ...



די חיות זענען שטיל....



די אידן קומען שוין צום בארג



די גוים לויפן צו בלעם



און פרעגן וואס גייט דא פאר ??



בלעם ענטפערט....



נאר משה גייט ארויף אויפן בארג און אהרן אביסל



די חופה פאר די אידן



די א"ב אין די הייליגע תורה



עליונים ששו ותחתונים עלזו



מ'הערט דעם שופר

# די מעמד מתן תורה אויפגעשפילט ביי די נוירסערי כיתות



משה רבינו מיט די תורה אויפן בארג סיני



דער מלאך פליהט ארום צו אלע ...



פרעגן זיי וואס שטייט אין די תורה ??



ווען משה רבינו פרעגט די אידן שרייען זיי נעשה ונשמע



מ'ברענגט צוויי קרוינען



משה רבינו מיט די הייליגע תורה



אלע קינדער זינגען זייער שיין עליונים ששו



די א"ב אין די הייליגע תורה





די חופה מיט די תורה



מ'טאנצט און שפרינגט לעבעדיג



נעשה ונשמע אמרו כאחד......

מיר נוצן אויס א יעדע מינוט — א מחיה.... אלעס מיט א געשמאק די הענטעלעך מיט מח פארנומען















די פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען אויף הייליגן יום טוב שבועות מיט די שיינע זאכן לכבוד יו"ט ...

## מעשה לכבוד די יארצייט פון דער הייליגער בעש"ט זי"ע פארציילט אין לאנטש רום

**אזוי אויך האבן מיר געהערט מעשיות** פון דעם הייליגן בעש"ט וואס די יארצייט געפאלט אויס אויך אום שבועות.

**איינאמאל איז דער הייליגער בעש"ט זי"ע** געגאנגען אין א וועג א ווייטער מיט איינע פון די תלמידים און דער תלמיד איז געווארן זייער דורשטיג פרעגט אים דער בעש"ט: די גלייבסט אז דער באשעפער קען דא מאכן וואסער, האט דער תלמיד געפרעגט ווי אזוי קען מען דא אינמיטן וועג ברענגען וואסער ? אזוי ווייטער דער תלמיד איז דורשטיג פרעגט אים נאכאמאל דער בעש"ט: די גלייבסט? ביז דריי מאל האט שוין דער תלמיד גע'ענטפערט יא! פלוצלינג זעהט מען א מענטש שלעפט א באדינער פון א פריץ שלעפט זיך מיט טעפלעך וואסער, דער באדינער קומט אן צום בעש"ט מיטן תלמיד און דער בעש"ט ווייזט פארן תלמיד זעהסט? אז דער באשעפער קען אפילו דא ברענגען וואסער?

**דערנאך** פרעגט מען דעם באדינער ווער האט דיר דא אהער געשיקט? ענטפערט ער אז זיין פריץ האט אים היינט געזאגט אז ער דארף נעמען שוין וואסער און גיין מיט דעם צו די אנדערע שטאט. אזוי האבן מיר געהערט ווי דער באשעפער געט פאר יעדן איד איבעראל אלעס וואס ער דארף. זי"ע

**אויך הערן מיר נאך א מעשה פון דעם הייליגן בעש"ט זי"ע.** אזוי ווי די יארצייט געפאלט אויס שבועות האבן מיר מיטגעהאלטן א שיינע מעשה.

**מיר הערן זיך צו** אזוי שיין צו די מעשה פונעם הייליגן **בעל שם טוב הקדוש זי"ע ועכי"א.** אז אייינמאל האט פאסירט שבת ביינאכט גאר אינטערעסאנט ווען די חסידים שטייען ארוםביים טיש און פלוצלונג האבן די חסידים באמערקט ווי דער בעש"ט האט זיך צולאכט... קיינער ווייסט נישט פארוואס?

**די חסידים** האבן זיך זייער געוואונדערט פארוואס דער הייליגער בעש"ט איז אזוי פרייליך דעם שבת, דער בעש"ט האט זיי געזאגט אז אין הימל איז געווען זייער פרייליך ווייל ביי א איד'ס הויז איז געווארן זייער א פרייליכ'דיגע שבת.

**מוצש"ק** זאגט דער בעש"ט מען גייט פארן, מען רופט דעם דרייווער דעם בעל עגלה, ער האט איינגעשפאנט דעם וואגן מען זעצט זיך אויפן וואגן און מ'פארט! דער בעש"ט ווייזט דעם וועג ווי צו גיין, מען קומט אן צום הויז פון ר' שבתי'לע בינדער, דער בעש"ט זאגט דא גייט מען אראפ און אריין צום הויז פון ר' שבתי'לע, ער פלעגט צוזאמען בינדן ספרים וועגן דעם פלעגט מען אים רופן ר' שבתי'לע בינדער, ער איז געווען זייער ארעם, אויך האט ער נישט געהאט קיין קינדער.

**דער בעש"ט** פרעגט אים וואס איז געשעהן דא פרייטאג צונאכט אזוי פרייליך? פארציילט ר' שבתי אז פרייטאג ערב שבת האט ער געזוכט געלט צו קויפן וויין מיט חלות און לעכט לכבוד שבת אבער ער האט גארנישט געטראפן קיין געלט, אויך האט ער נישט געוואלט בעטן פון אנדערע מענטשן קיין געלט, איז ער געגאנגען אין שוהל לערנען און דאווענען זאגן תהילים, און בעטן דעם הייליגן באשעפער, די מאמע האט קודם נישט געהאט מיט וואס זיך צוגרייטן לכבוד שבת, אבער זי האט זיך געכאפט אז אויסקערן קאסט נישט קיין געלט און זי וויל עפעס צו גרייטן לכבוד שבת! האט זי טאקע אויסגעקערט די שטוב לכבוד שבת פלוצלינג האט זי געטראפן א זילבערנע קנעפל, האט זי שנעל גענומען דעם קנעפל דאס פארקויפט, און מיט די געלט איינגעקויפט אלע פיינע זאכן לכבוד שבת ביז די גאנצע הויז האט שוין זייער גוט געשמעקט פיין שבת'דיג.

**פרייטאג צונאכטס** נאכן דאווענען ווען ר' שבתי'לע איז אהיים געקומען פון שוהל האט ער געזעהן אז זיין הויז איז לעכטיג ער זעהט אזא שיינע שבת טיש, ס'שמעקט אלע פיינע זאכן פון שבת, איז ער געווארן זייער פרייליך און געזינגען אוי אוי אוי שבת... זייער פרייליך, ר' שבתי האט זיך זייער געפרייט און פאר שמחה האט ער אנגעהויבן צו טאנצן ארום דער טיש, אלע מלאכים פון הימל האבן זיך מיטגעפרייט און מיטגעטאנצן מיט ר' שבתי'לע, און פארדעם האט דער בעש"ט געלאכט.

**נאכדעם האט** דער בעש"ט אים געבענטשט אז ווייל ער האט געמאכט אזא שמחה אין הימל וועט ער האבן א נייע אינגעלע בעיבי, וואס וועט באלייכטן די וועלט, די קומענדיגע יאר איז געבוירן געווארן ביי ר' שבתי'לע א קינד ער האט אים א נאמען געגעבן ישראל אזוי ווי דעם בעש"ט און איז שפעטער אויסגעוואקסן דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע.

**מיר בעטן אלע אז זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל מיר זאלן אלע געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני רוויחי וכל טוב סלה. אמן.**

**מיר בעטן אז זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל מיר זאלן אלע געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני רוויחי וכל טוב סלה. אמן.**

### זומער רעגיסטרעישן

**<u>אלע קינדער וואס וועלן קומען אי"ה צום זומער חדר דארפן זיך אויך גיין</u> <u>רעגיסטרירן</u> אין מעין אפיס פון מוסדותינו הק' אויף 76 ראדליטש סט. 718-797-2888 און ארויס נעמען דעם <u>זומער רעגיסטרעישן קארטל</u>. נישט שפעטער ווי א' פ' קרח, דאס איז אפילו איר שיקט צוריק דעם פראגע בויגן. צום מלמד אין חדר.**

**<u>מעס. פון הנהלת טראנספארטעישן:</u>**

**קינדער וואס וועלן נישט זיין רעגיסטרירט ביז א' פ' קרח וועלן נישט זיין מסודר מיט א באס ראוט פארן זומער!**

**חשוב'ע עלטערן: עס איז נישט קיין גרינגע ארבייט אויסצוארבייטן די באס ראוט'ס פארן זומער, מיר קענען זיך רעכענען נאר מיט די קינדער וואס זענען רעגיסטרירט!**

**אזוי אויך די אלע וואס וועלן אהיים קומען אינמיטן זומער פון די קאנטרי וועלן דארפן האבן <u>דעם "זומער רעגיסטרעישאן קארטל"</u> צו קענען קומען אין זומער חדר. אן קיין זומער רעגיסטרעישן קארטל וועט מען נישט זיין מסודר אין קיין כיתה, און נישט מיט קיין באס סטאפ.**

## א ספעציעלע ווענדונג בנוגע קינדער מלבושים

שוין אריבער א שטיק וואס מיר האבן ב"ה באמת נישט געדארפט שרייבן אדער בעטן איבער דעם פראבלעם פון נישט ערליכע מלבושים, ווייל ב"ה מיר קענען זיין שטאלץ מיט די עלטערן, עס זעהט זיך אן, ווי מען פארשטייט אז א אידיש קינד וואס מען וויל אז ער זאל נתחנך ווערן צו תורה ויר"ש קען דאס נאר זיין מיט ערליכקייט און צניעות באגלייט. נאך א אויפאסונג פון די הנהלה האט זיך אנגעזעהן אין די קינדערגארטן אפטיילונג א שטארקע פארבעסערונג ביי די קינדער איבער די פראסטע און גויאישע מלבושים, וואס טוט זיך ארייננדרינגען אין היימישע שטיבער ר"ל פון צייט צו צייט, אבער מיט א פארשטאנד אין איינזעענישן האט זיך דאס ב"ה היפש פארבעסערט, הן מיט די שמאלע הויזן, הן מיט אויפשריפטן אויף די העמעדער א.א.וו.

אבער דער יצר הרע רוהט נישט ער וועט דאס נישט צו לאזן אזוי לייכט, נאר יעצט ווען דער זומער איז שוין דא מיינט מען אפשר אז נוסח אמעריקע דארף זיך אנזעהן אויף די טייערע צאן קדשים, דאס מיליטער פון אייבערשטן? ווי מען הערט ליידער אויף די גאס **"זומער איז אנדערש"**. די ווערטער איז נישט איינשטימיג מיט חינוך, אדרבה מען דארף האבן איינזעעניש אז יעדע סעזאן, יעדע טויש אין יאר, דארפן מיר האבן פאר די אויגן **וואס איז יעצט מיין פליכט אין חינוך ווי אזוי קען איך באשיצן מיין קינד** פון די מיאוס'ע גוי'אישע זומער גאס? אוודאי נישט מיט קיין העמד'ער מיט אויפשריפטן אדער די סארט זומער שמאלע הויזן, וואס האט אינגאנצן נישט קיין צורה פון אידישקייט, ערליכקייט, און צניעות. וואס וויל מען נעבעך פון די אומשולדיגע קינדער'לעך וואס ווייסן נאכנישט צו וואס פאר א מאדעל זיינע עלטערן שטעלן אים אויס.

מען זעהט ב"ה אסאך עלטערן וואס האבן יא געפונען די ריכטיגע מלבושים זיי ווייסן יא ווי די געשעפטן געפונען זיך פאר ערליכע מלבושים, ב"ה א געווינס פאר אידישע הייזער מיט די נייע "לבושי כבוד" לעיבל וואס איז דא צו באקומען אין די היימישע אידישע געשעפטן. נאר פונקט, אזעלכע עטליכע וואס ווייסן נישט קיינמאל און טרעפן נישט קיינמאל די שיינע אידישע מלבושים פאר א ערליך אידיש קינד. אזוי רעדט מען יענעם איין! אדער זיך מיט יענעם! וד"ל.

אדער הערט הערט מען פרישע אויסרייד אז דאס איז גאר באקוועם פאר די קינדער, ווי קען מען זיין אזוי נער'יש אזוי צו טראכטן דאס איז באקוועם? ער קען זיך נישט אליין אן עצה געבן מיט אזעלכע שמאלע הויזן ביים גיין אין ביהכ"ס, די קינדער מוטשען זיך נעבעך מער ווי די אנדערע קינדער. די וואס האבן די געוועגדליכע הויזן גייען געשיקט אריין און ארויס און דער אינגל נעבעך מיט די שמאלע הויזן קען זיך נישט אן עצה געבן געשיקט עס נעמט אים לענגער ווי ביי אנדערע.

די הנהלת הישיבה האט שוין כמה פעמים ארויס געברענגט סיי ביי די תקנות המוסד צעטיל וואס אלע עלטערן שרייבן אינטער ביים איינשרייבן א קינד, אין סיי אויף די אויפפאדערונג בריוו'ן, וואס איז אהיים געשיקט געווארן בעפאר פסח אז דער מוסד איז אהער געשטעלט צו העלפן מחנך זיין ערליכע אידישע קינדער נאמנים לד' ולתורתו אזוי ווי רבינו הקוה"ט זי"ע האט מיט אונז געלערנט, און ווי מיר הערן כסדר פון כ"ק מרן רבינו שליט"א זיך נישט אוועק צו רירן פון הלכה און מסורת אבות נישט קיין ריר. עלטערן וואס זוכן אז זייערע קינדער זאלן ווייטער נתחנך ווערן אויף דעם אור אלטן אידישן וועג אן קיין שום שינוי, אזעלכע קינדער געפינען זיך בעזהשי"ת אויף א גוטן פלאץ און געבן צו א שטאלץ פארן מוסד און כבוד פאר רבותינו הקדושים נבג"מ, אבער אזעלכע עלטערן וואס מ'דארף שטענדיג מסביר זיין ווי איז די גרעניץ צווישן א איד און א גוי אזוינע קינדער פארשעמען אונזער מוסד מיט אירע אויפשטעלער, די געטרייע מנהיגי ורועי ישראל אדונינו ורבותינו הקוה"ט זיעועכי"א

**ס'איז צום האפן אז דאס וואס דארף א תיקון וועט האבן ווי אמשנעלסטן ווי פאלגענד:**

- העמד'ער מיט אויפשריפטן פון ווערטער און נומבערס.
- די שמאלע אדער שרייענדע קאלירן הויזן אדער לעגינג'ס.
- די סענדל'ס, קאלירטע פון אלע סארטן (נאר שווארץ אדער טונקל בלוי און וואס מער פארמאכט) נישט גלאנציג.

**די סארט מלבושים האבן נישט קיין פלאץ ביי אונז אין מוסד. השי"ת זאל אונז שיקן א געזונטן זומער, הרחבת הדעת וסייעתא דשמיא, מיט תענוג ונחת ביי אלע קינדער געזונטערהייט.**

## נאך וויכטיגע לימודים ביי די אינגערע כיתות

**נוירסערי: מיר שפאצירן, אין די וועלט פון די קאלירן. מען שפאנט ווייטער! די וואך האבן מיר ווייטער פארגעזעצט מיט דעם וויכטיגן לימוד פון די קאלירן .**

מיר זענען געווען פארנומען מיט די באקאנטע קאלירן פון א בלום "פינק" און געיל  א ספעציעלן ביכל וואס אויף א יעדן בלעטל האבן מיר געטוהן עפעס אינטערסאנט. די הענט'לעך זענען געווען זייער פארנומען, מיין רבי ווייזט אונז ביי יעדן בלעטל וואס מיר דארפן דא טוהן, ווי **פעינטן**, קאלירן, **לייגן סטיקערס** אדער **נאך זאכן**. די געלע באס האבן מיר שיין דעקענט אין אונזער ביכל. אזוי ווייטער נאך אינטערסאנטע אקטיוויטעטן וואס האט שייכות מיט די קאלירן.

**פרי קינדערגארטן די וואך** האבן מיר זיך באקאנט געמאכט מיט נאך **שעיפ'ס** א נייע ביכל **חילוקים "ברייט און שמאל"** מיין רבי ווייזט אונז די ארבייט מיר פראבירן דאס נאך טון און אזוי שטייגן מיר ווייטער מיט א פארשטאנד העכער יעדע וואך. ווען דער ביכל וועט פארענדיגט ברענגען מיר דאס אהיים מיט א געשמאק.

# ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער
וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ
**יצחק ווייס, שלמה בערקאוויטש, אברהם אבא סעגעדין, משה גאטליעב, שלמה גרויז, שמואל צבי הערשי פאלקאוויטש, לייבי בר"ש קארפען, ישעי' משה אברהם כייעם, שמואל וואלף לעווי**

**נייעס לײַן שער הנגינה**

**געווענדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6**

**הערט און האט'ס הנאה**

# "אויפוואכונג פארלאנגט"

אזוי ווי עס איז איינגעפירט אז א יעדע וואך פרייטאג איז דא אין די כיתות א "**עונג שבת**" ווי די עטליכע קינדער ברענגען עפעס און טיילן דאס אויס פאר זייערע חברים און אזוי פארברענגט מען מיט א פרייליכע אטמאספערע, עס ווערט געזינגען שבת'דיגע ניגונים נאך מיט א טענוצל לכבוד שבת.

ווילן מיר מאכן אויפמערקזאם אז אזוי ווי מיר געבן שטארק אכט אז קינדער זאלן נישט עסן צופיל זיסקייט וואס איז שטארק שעדליך פאר זיי, דעריבער זאל מען נאר שיקן וואס א מלמד שרייבט און נישט סתם אזוי. אויך נישט שיקן קיין גרעסערע לאליס ווי שוין געשריבן פאריגע וואך ווייל די אלע סארט גרעסערע לאליס וועט מען נישט קענען אויסטיילן פאר די קינדער. (ווי למשל באלי לאלי צומי לאלי אדער קולעי לאלי'ס)

אויך איז זייער וויכטיג צו געדענקען אז מיר לאזן אויסטיילן פאר קינדער נאר עסן כפי הוראות וועד הכשרות דקהילותינו. אז אלעס וואס מען ברענגט אין חדר דארף זיין אויסגעהאלטן נאר פון די הכשרים וואס איז באשטעטיגט דורך די "וועד הכשרות דקהילתנו" **(התאחדות הרבנים - עדה החרדית - אבדק"ק וואלאווע - אבדק"ק נירבאטור - בי"ד מנחת חינוך טארטיקוב)**

און ווי פארשטענדליך נישט צו געבן זאכן וואס די קינדער קענען זיין אלערדזשיק צו דעם ווי ניס, פינאטס, אדער מילכיג'ס וכדו'. אויב שיקט מען אזאך וואס איז נישט ערלויבט וועט מען דאס נישט קענען אויסטיילן. וד"ל

## חכמה'לעך

**מענדל'ע** האט נישט געוואלט ארויסקומען פון וואנע ווייל ער איז א פיש און פיש קען נישט לעבן אן וואסער...

איין טאג האט **יושע'לע** געוואלט זייער הערן מוזיק, האט מען אים מסביר געווען אז יעצט איז נאך ספירה טעג און מ'טאר נישט הערן קיין מוזיק, אפאר מינוט שפעטער קומט ער זאגן אז ער האט שוין גע'ענדיגט לייגן אלע ספירה סטיקער'ס אויף זיין ספירה צעטיל און יעצט מעג ער שוין הערן מוזיק, עס איז צום שטוינען ווי די קינדער לעבן מיט מיט א יעדע זאך פון חדר.

**שלום** האט פארציילט אזוי שיין פון שבועות, און פרעגט אלע דאללי'ס: ווילט עטץ נעמען די הייליגע תורה?...

**מעכי** פארציילט פון דוד המלך זייער שיין אז ווען דוד המלך האט גענומען די ראבער און געגעבן א שיס מיטן ראבער איז דער גלית ריז אראפ געפאלן און ....

יודא'לע זאגט אז היינט איז "פסח שיינדי"... (שני)

**ברוך יוסף** האט זיך זייער שטארק געפריידט אז מען האט שוין געענדיגט אלע אלף בית, ער פרעגט אויב מ'דארף זאגן חזק חזק ונתחזק...

**משה'לע** האט געזעהן שבת אז ס'רעגענט רופט ער זיך אן: אבער ס'וואקסט נישט פרוכט...

## אויספרעגן א קינד ריכטיג, איז שטארק וויכטיג

**מיר פילן פאר וויכטיג ארויס צו ברענגען א זאך וואס שטערט שטארק די רואיגקייט פון קינדער אין דעם יארגאנג,** ווען עלטערן מאכן זיך אליינס א פראבלעם, ביים אויספרעגן א קינד פון חדר.

א קינד כאפט אויף און האט ליב צו פארציילן זאכן וואס איז <u>**איהם אינטערעסאנט**</u>, **א מעשה** וואס זיין רבי אדער דער מנהל האבן פארציילט, **א געשעהניש** וואס מען האט שיין אויפגעשפילט אין חדר מיט די קינדער, **א פרייליכע נייעס** וואס ער הערט אז עס גייט זיין, אדער **וואס זיינע הענט** מאכן במשך די שעה'ן אין חדר, איינער מער און איינער ווייניגער.

**אבער א קינד** האט נישט ליב ווען מען פרעגט אים קשיות וואס ער ווייסט נישט צו ענטפערן ווי למשל: **וואס "האסטו" געטון אין חדר? מיט וועם האסטו געשפילט היינט?, וויאזוי הייסן די קינדער אין דיין חדר?** די זאכן כאפן זיי נישט אויף. די קינדער רופן זיך נישט מיט קיין נעמען זיי קענען שפילן שיין צוזאמען און זיי פרעגן זיך נישט וויאזוי הייסטו נאר זיי זאגן <u>ער</u>... <u>ער</u> מיט <u>ער</u>... ווען א מלמד דארף זאגן א נאמען עטליכע מאל א טאג דאס כאפן די קינדער אויף. דעריבער איז זייער פארשטענדליך נישט צו פרעגן און באמוטשענען די קינדער מיט די סארט פראגעס ווייל נאכדעם ווילן זיי נישט ענטפערן גערן זאכן וואס זיי קענען יא ענטפערן, די נעמען פון די קינדער כאפן זיי אויף די לעצטע זאך!.

## ביי די נוירסערי כיתות הערליך שיין אויפגעשפילט דעם מעמד פון קבלת התורה

**מיטוואך מיטאג צו די באשטימטע צייט קומען מיר זיך אלע צוזאם אין אין כיתה אלע נוירסערי כיתות** ווי מיר קוקן זיך צו זייער שיין ווי עס ווערט שיין אויפגעשפילט, אלעס וואס מיר האבן געלערנט אין חדר במשך די וואך . ספעציעל די וואך ווי מיר גרייטן זיך צו דעם הייליגן יו"ט שבועות.

**מיר זעהן קודם** פליהט א מלאך צו גוים און פרעגט זיי: ווילט עט'ס נעמען די הייליגע תורה ? פרעגן די גוים וואס שטייט דארט אין די תורה ענטפערט די מלאך אז אין די תורה שטייט אז מ'טאר נישט שלאגן און הרג'ענען מ'טאר נישט ליגענט זאגן, **די גוים ענטפערן ניין ניין מיר דארפן נישט אזא תורה** ווייל מיר ווילן זיך יא שלאגן און ליגענט זאגן און גנב'ענען..

**נאכדעם קומט משה רבינו** צו די אידן און פרעגט פון די אידן ווילט עטס נעמען די הייליגע תורה און אלע קינדער האבן הויעך אויסגעשריגן **"נעשה ונשמע" מיר וועלן טון און הערן אלעס וואס שטייט אין די הייליגע תורה.**

האבן מיר געזעהן ווי א מלאך ברענגט **צוויי קרוינען** צו די אידן. און מיר זעהן משה רבינו אויפן בארג מיט די תורה אין די הענט . די רבי מאכט אויף די תורה זעהן מיר אלע א"ב **און אלע קינדער הייבן שיין אן צו זינגען א' ב' ג'.**

נאכדעם זענען מיר ארויס אין די האלל און געטאנצען אינטער א חופה ממש ווי ביי א הכנסת ספר תורה אלע קינדער אזוי שיין און לעבעדיג..

## אפּוועגן די האר

**ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוּוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה.** (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפּוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפּוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א 929.287.2354**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.**

# מזל טוב ווינקל

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מנחם מענדל** בן הרב עקיבא יוסף **כהנא** ני"ו
**לכבוד די געבורט פון א ניכטע**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**נחמן** בן הרב שלמה **כהנא** ני"ו
**לכבוד זיין ברודערס אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלום** בן הרב יעקב נחמן **ווארפמאן** ני"ו
**לכבוד זיין ברודערס אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמעון** ב"ר חיים הערש **מוזיקאפף** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א**
**הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אלטער יודא** בן הרב נפתלי הירצקא בגא"ז **פריעדמאן** ני"ו
**לכבוד זיין שוועסטער איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כהנא שליט"א**
**הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יעקב** ב"ר נחמן חיים **מיטטעלמאן** ני"ו
**לכבוד זיין פעטערס אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א**
**הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים** בן הרב מרדכי **וויס** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יחזקאל שרגא** בן הרב שלמה **כהנא** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמעון** בן הרב מענדל לייב **מאשקאוויטש** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישעי'** ב"ר נחמי' **עקשטיין** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה** ב"ר יואל בר"צ **פריעדמאן** ני"ו
**לכבוד זיין ברודער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה** בן הרב מרדכי **וויס** ני"ו
**לכבוד זיין ברודערס אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אלי'** ב"ר יחיאל יודא **גליק** ני"ו
**לכבוד די געבורט פון זיין ברודער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א**
**הרב יחיאל שטעסל שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמעון** ב"ר משה שמואל **אונגאר** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אלימלך** ב"ר שמואל שמעלקא **מיטטעלמאן** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**וואלווי** ב"ר אברהם **שטראהלי** ני"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מענדל** ב"ר מאיר ב"ר חיים הערש **גאלדבערגער** ני"ו
**לכבוד זיין פעטער'ס בר מצוה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א**
**הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מענדל** ב"ר ארי' אשר **ראזענבערג** ני"ו
**לכבוד זיין פעטער'ס בר מצוה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א**

## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג








שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,
מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קריי"ש ליינען – וואכנאכט,** א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה,** אדער **חברת תהלים,** סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**


**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**